„Zagłembier-Lebn" פרייז 25 גראשן. Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. Nr. 3.

# זאגלעמביער לעבן

אונאפהענגיקער ארגאן פאר זאגלעמביע און אויבערשלעזיען

אבאנאמענטס-פרייז: 1 זל. א חודש.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Redakcja „Zagłembier-Lebn",
Sosnowiec, ul. Kołłątaja 6. Tel. 8-18.

דער רעדאקטאר נעמט אן יעדן טאג א חוץ שבת פון 4 ביז 5 נאכמ.

פארן אינהאלט פון די אנאנסן איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך.

אפטיילונג פאר אויבערשלעזיען:
Katowice, ul. Marjacka 11, Kanner

אפטיילונג אין בענדין:
Będzin, Małachowskiego 7, Laskier

Piątek, d. 20 grudnia 1929. | דערשיינט יעדן פרייטיק. ערשטער יארגאנג. | פרייטיק, י"ח כסלו תר"ץ ליכטצינדן 3.07

BIBLIOTECA JAGELLONICA

# פון דער וואך.

## וואס לערנען אונז די וואלן אין קאטאוויץ.

ס'איז א כאראקטעריסטיש-דערפרייענדע דערשיינונג, וואס גראד קאטאוויץ, די שטאט, וואס איז פון אייביקע צייטן געוועזן איינגעטונקן אין הונדערט-פראצענטיקער אסימילאציע, וו די ראשי-מדברים זיינען ווי' געוויינליך - געוועזן אונזערע ליבע „יאהודים" — אז אט אין דער קאטאוויץ איז צושטאנד געקומען אן אייגהייטליכער פראנט פון אלע יידישע בירגערליכע פארטייען אוןווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס און סאיז ארויסגעשטעלט געווארן צו דער שטאט-ראט וואלן, וואס זיינען פארגעקומען דעם לעצטן זונטיק איין און איינציקע יידיש נאציאנאלע ליסטע.

הגם ס'זיינען פארצייכנט געווארן א גאנצע רייע אומפינקטליכקייטן ביים אריינציען די יידישע וועלער אויף די אלגעמיינע וועלער-ליסטעס — צי אלס ספעציעלע שיקאנע מצד די באטרעפנדע וואל-קאמיסארן צי צוליב די פארנאכלעסיקייט פון הונדערטער יידישע וועלער — קענען מיר דאך מיט פרייד פארצייכענען דעם פאקט, וואס צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון שלעזישן יידנטום זיינען אין שטאט ראט פון דער שלעזישער הויפט-שטאט אויסגעוויילט געווארן יידישע פארשטייער פון א ריין יידישער ליסטע.

דאס ערשטע מאל איז אין קאטאוויץ ארויסגעשטעלט געווארן א יידישע ליסטע אין יאר 1926, וועלכע האט נישט באוויזן קיין איין מאנדאט דורכצופירן. דאס מאל זיינען אויסגעוויילט געווארן 2 יידישע ראטמענער און ביי א ביסל מער אנשטרענגונג מצד דעם יידישן וואל-קאמיטעט האט לייכט געקאנט דורכגיין אויך א דריטער מאנדאט. (1100 יידישע שטימען זיינען פארפאלן געווארן!)

זעלבסטפארשטענדליך איז דער דאזיקער נצחון צו פארדאנקן דעם פאקט וואס די פארשטייער פון די באזונדערע פארטייען האבן מותר געוועזן אויף זייערע פארטייאישע פרינציפן און פערזענליכע אמביציעס. ביי דער מינדסטער צושפליטערונג אין דער יידישער געזעלשאפט וואלט געוועזן אונמעגלעך ביי דעם גענוג הויכן וואל-מעטער (877 שטימען אויף איין מאנדאט, אין יאר 1926 — נאר 755) דורכצופירן כאטש איין מאנדאט. א דאנק אלזא דער יידישער אחדות און אפשר אויך א דאנק די באזונדערס שווערע עקאנאמישע באדינגונגען פון קאטאוויצער יידנטום, וואס פאראייניקן מיט די שטארקסטע פעדים אלע יידן אן אונטערשיד פון פארטיי, קלאס און אנשויונג און גאר באזונדער די פארשארפטע אנטיסעמיטישע העץ-קאמפאניע געגן אלעם. וואס שמעקט נאר מיט יידישקייט — האט געבראכט צום אויסדרוק דעם דאזיקן היסטארישן פאקט פון ידישער אייניקייט.

זאל עס נישט פארבלייבן אן אפקלאנג אין דער יידישער געזעלשאפט!

זאל אט-א דער פאקט שטיין תמיד פאר די אויגן פון אונזערע כלל-טוער און עסקנים פון אלע ריכטונגען ביי וואלן צו קאמונאלע זעלבסט-פארוואלטונגען, וו ס האנדלט זיך אין דער טובה פון גאנצן כלל.

---

פאר די אויסדערוויילטע יידישע ראטמענער אין קאטאוויצער שטאט-ראט שטייען איצט א רייע שווערע אויפגאבן פון ערשטקלאסיקער באדייטונג.

ראשית-כל — די ברענענסטע פראגע פאר דעם קאטאוויצער יידנטום – די דירות-נויט און דער אויפן פון פארטיילן פרייע דירות מצד דעם אזוי גערופענעם „מיטע-אמט". יידישע הענדלער, בעלי-מלאכות און ארבעטער ווארטן יארן-לאנג און עפעס ווי אויף להכעיס ווערן זייערע נעמען פארשווינדן אויף די רשימה פון וווינונגס-באדערפטיקע... די טענדענץ איז גענוג בולט און נויטיקט זיך נישט אין באזונדערע פרושים. די יידישע פארשטייער וועלן מיט דעם ענין זיך דארפן נענטער אינטערעסירן און אויפקלערן, אז דער „וווינונגס-אמט", אלס שטא-

Akc. Nr. 1269

טישע אינסטיטוציע דארף באדינען אלע בירגער אן אונטערשיד פון גלויבן אדער ראסע.

גאר א ספעציעלע אכט וועלן די ראטמענער דארפן שענקען דער פראגע פון אונאויפהערלעכן שיקאנירן דעם יידישן הויזירער. די מאיסע און חיה'שע קאמפאניע, וואס ווערט זייט א גענוג לאנגער צייט געפירט מצד פינצטערע עלעמענטן געגן דעם יידישן הויזירער און די אלע אויסטערלישע בלבולים וואס ווערן אויף זיין אדרעס צוגעשריבן — טארן מער מצד די שטאטישע זעלבסט-פארוואלטונגען נישט געדולדעט ווערן! די יידישע פארשטייער וועלן דריבער זיין די איינציקע וועלכע וועלן האבן די מעגלעכקייט אויפצודעקן פאר דער עפנטלעכקייט דעם שווארצן שלייער פון דער „נעטער געזעלשאפט" פאן מאן עט קאמפאני...

פון א נישט מינדערווערטיקער באדייטונג איז די פראגע פון שטאטישע שטייערן מיט וועלכע דער יידישער סוחר אין קאטאוויץ ווערט באלאסטערט און פשוט דערדריקט. וואלטן כאטש די יידישע אינסטיטוציעס עפעס געהאט דערפון נו, מילא, וואלט געוועזן א האלבע צרה. אבער גאר נישט קריגן, קיינע סובסידיע אין דערצו דעקן פראצענטועל דעם גרעסטן טייל פון בודזשעט מיט שווער אויסגעארבעט יידיש געלט — איז ווייט נישט געזעצלעך.

אט די דריי פראגן האלטן מיר פאר די וויכטיקסטע פאסטולאטן פון דער קאטאוויצער יידישער פארשטייערשאפט. קיין שום פארטייאישע אונטערשלאקן, קיין שום פאליטישע באפוצונגען האבן זיי נישט. דאס זיינען אנגעווייטיקטע פראגן, וואס אינטערעסירן אן אויסנאם אלע יידן.

מיט ציפרידנקייט קענען מיר קאנסטאטירן, אז די 2 אויסדערוויילטע — ה' אלפרעד מילער, דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין קאטאוויץ זייט 25 יאר און אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער און דער ה' אינזשיניער זשמיגראד — וועלכער שטייט שוין 15-16 יאר אין דער שפיץ פון א ריי יידישע אינסטיטוציעס — ביידע באקאנט אלס ערלעכע טוער און גוטע יידן, גיבן אונז די פולע גאראנטיע, אז ביז די לעצטע און ווייטעסטע מעגלעכקייטן וועלן זיי ווייטער ווי ביז איצט שטיין אויף דער וואך אין דער נייער אינסטיטוציע אין נאמען און לטובת די אינטערעסן פון גאנצן קאטאוויצער יידנטום.

### וועגן יידישן יתומים-הויז.

זייט א לענגערע צייט האט די פארוואלטונג פון יידישן יתומים-הויז אין סאסנאוויץ געפירט אינטערהאנדלונגען מיט דער פאמיליע אפענהיים, די איינגנטימער פון הויז (דעמבלינסקא 15) וועגן אפקויפן דאס הויז לצמיתות פאר דער זייער וויכטיקער אינסטיטוציע „דאבראטשינאשטש", וואס פירט אן שוין א ריי יארן מיטן יידישן שפיטאל, בית-יתומים א. א. אנשטאלטן.

ווי מ'אינפארמירט אונז איז די טעג צושטאנדגעקומען דער פארקויפס-אפמאך צווישן דער פאמיליע אפענהיים (וועלכע האט אגב פון איר זייט מנדב געווען אויף דעם צוועק 10,000 זל.) און דער געזעלשאפט „דאבראטשינאשטש" מיט איר פרעזעס דעם איבערגעגעבענעם טוער לטובת די יידישע יתומים — ד"ר הערצמאן בראש.

פארשטייט זיך, אז נישט אזוי לייכט איז אנגעקומען דער פארוואלטונג צונויפצוברענגען די נויטיקע 4 צענדליק טויזנט זלאטעס. די אנשטרענגונג און מי מצד די געציילטע פערזאנען, וואס ארבעטן שטיל, באשיידן, און באזונדערן טאראראם וועט זיכער נישט פארבלייבן אן געהעריקן אפקלאנג. איז דאך די „דאבראטשינאשטש" אן אינסטיטוציע, וואס דארף העכער געשאצט ווערן און אויסגעטיילט זיין פון דעם גאנצן קאמפלעקס אקטועלע פראגן אין וועלכע ס'איז פארפלאנטערט דאס גאנצע יידישע לעבן אין דער איצט הערשנדיקער שווערער לאגע און אלגעמיינער סטאגנאציע.

רחמנות איז פון אייביקע צייטן געווען איינע פון די שיינסטע מעלות מיט וועלכע ס'האבן זיך אויסגעצייכנט די בני-רחמנים. דער אומגליקלעכסטער פון די אומגליקלעכסטע, דער ארימער פון די ארימסטע — דער יתום — טאר נישט פארוואראלאזט ווערן. יעדע יידישע מאמע צו וועלכער סוועט דערגיין דער אפעל פון „דאבראטשינאשטש" וועט אפשפארן פון לעצטן ביסן און צושטייער געבן צו דער באפעסטיקונג און עקזיסטענץ-פארזיכערונג פון דער יידישער יתומים-היים.

### וועגן א יידיש פאלקס-הויז.

מיר האבן שוין א מאל געהאט די געלעגנהייט אנצומערקן דרך-אגב וועגן דער גייסטיקער אפגעשטאנענקייט פון יידישן סאסנאוויץ, ספעציעל פון דער נאציאנאל-געשטימטער טייל פון דער ארטיקער יידישער געזעלשאפט.

קאלט און אפגעפרעמדט פילט זיך דא א פרעמדער. נישטא קיין איין ריכטיקער לאקאל, נישטא קיין לעזער-זאל, נישטא צומאל קיין רעכטע יידישע ביבליאטעק.

אזא אפגעלאזנקייט ווי כהערשט דא אויף דעם געביט פון גייסטיקער געזעלשאפטלעכער ארבעט, באגעגנט מען נישט ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פון דער „מדינה פון שווארצן דיאמאנט". אין די פארווארפנסטע ווינקעלעך פון דער גארער וועלט, ווו כהאט נאר אריינגעדרונגען א פוס פון א יידישן עמיגראנט, אין די ווייטעסטע מקומות פון דרום אמעריקע, אפריקאנישע קאלאניאל-לענדער, אויסטראליען אפילו — שוין אפגערעדט פון די נייע יידישע ישובים אין די מערב-אייראפעאישע לענדער — געפינט איר אומעטום די ענגע ד' אמות פון ברייטער יידישלעבער שטימונג, א חברישע היים, א ביבליאטעק, א לעזע-האלע צו סתם א מקום-מקלט ווו חברה טרעפט זיך און ביי א כוס חמין ווערן איבערדיסקוטירט די ברענענסטע פראגן וואס שטייען ברומו של עולם און יידישן וועלטל, צי ס'ווערט געלייענט בצבור, צי ס'ווערן פארגעלעזן די נייעסטע ליטעראַרישע שאפונגען, צי אפילו ס'ווערט געפירט א לעבהאפטע דיסקוסיע איבער ריין פארטייאישע פראגן — עס איז דא אין ים פון שטאטישן הו-הא א קליין אינזעלע, ווו ס'פארגעסט זיך וועגן די גרויע, טאג-טעגלעכע ענינים פון ברויט און קארטאפל, — ס'ווערט אייך וויפיל ס'זאל נישט זיין געזארגט וועגן דער גייסטיקער שפייז פארן דערוואקסענעם יידן, פאר זיין נחת-רוח פאר זיין נשמה-יתרה.

מיר דא, אין סאסנאוויץ, זיינען אין דער לאגע פון גאר נישט באזיצן. צי וואלט נישט כדא געוועזן א טראכט צו טון וועגן דער מעגלעכקייט פון גרינדן א „פאלקס-הויז", וואס זאל ארומנעמען אלע יידישע ארגאניזאציעס און ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאט און זיין דער צענטער און רעגולאטאר פון גאנצן יידישן לעבן אין סאסנאוויץ.

אגאן.

ד״ר י. ראטשטיין

ראטמאן.

# א קורצער סך=הכּל

## (די טעטיקייט פון דער יידישער „קאלא“ אין סאסנאוויץ.)

### II.

אין מיין פריערדיקן ארטיקל האב איך שוין אנגעוויזן, אז נישט געקוקט איף די באזונדערע שווערע באדינגונגען, אינטער וועלכע ס'איז אויסגעקומען דער יידישער ראטמענער=„קאלא“, צו פירן זיין פלאנמעסיקע טעטיקייט, שוועריקייטן, וועלכע זיינען געוועזן דער עיקר א פועל=יוצא פון אונזער אינבאדייטענדער צאל — קענען מיר דאך פארצייכענען א גאנצע רייע דערפאלגן פון אן ערשט=ראנגיקער באדייטונג.

איינע פון די אנגעוויטיקסטע פראגן איז פון תמיד אן געוועזן ביי אונז דאס שול=פראבלעם. די דערציונג פון יידישן קינד איז אייביק געוועזן דער א׳ און ת׳ פון אונזער זארג פאר דער געזונטער און נארמאלער ענטוויקלונג און בעסערער צוקונפט פארן אונטערוואקסנדן יינגן דור.

די שווערע עקאנאמישע באדינגונגען פון יידישן פאלקסמענטש, דעם האנטווערקער, ארבעטער און קליינהענדלער, האבן קיינמאל פשוט קיין פרייע מינוט נישט צו פארטראכטן זיך וועגן זייערע עלעמענטארסטע פליכטן לגבי זייערע קינדער. דאס יידישע קינד איז אפגעגעבן געווארן אין דער אלגעמיינער פאלקס=שול (וואס איז אגב מיט קיינע ספעציעלע קאסטן נישט פארבינדן) און ווי, ווען, וואס פאר=א דערציונג עס באקומט אין דער שולע — דאס האט נישט דעם טאטן און נישט דער מאמען אינטערעסירט.

העכסטנס האט מען א יינגל אפגעדינגען איף א נאכמיטיק שעה צו א מלמד, וועגן א מיידל האט מען זיך שוין אבער גארנישט געקימערט. ווען נישט דאס צוואנגס=בילדונגגעזעץ וואלטן פיל, זער פיל עלטערן, ספעציעל פון דער ארבעטנדיקער קלאס, נאך ביז היינט אפילו וועגן דעם קליינעם ביסעלע ליכט אויך נישט איבריק געדאגהט. האבן מיר דען ווייניק היינט=צו=טאג יידישע בעלי=מלאכות און ארבעטער, וואס קענען צי מאל זיך נישט אונטערשרייבן? שוין אפגערעדט פון א בוך אדער צייטונג לייענען א. ד. ג.

מיט די שטאטישע פאלקס=שולן פירט און א ספעציעל אייסגעוויילטער שול=ראט צו וועלכן סדארף לייטן איסטאוו געהערן א גייסטליכער. היות ווי סאסנאוויין ליידט פון דער שוין גוט=באקאנטער און טרויעריג=בארימטער רבנות=מחלוקת און קיין אפיציעל באשטעטיקטער רב, אינזער גייסטלעכער פארשטייער, איז דא בכלל נישט געוועזן — איז אין אט דעם שול=ראט מצד דער יידישער באפעלקערונג אין סאסנאוויין ביז איצט נישט געזעסן קיין שום פארשטייער.

איך האלט, אז סוועט זיין איבריק איף דעם ארט אנצווייזן איף דער אונגעהייערער וויכטיקער באדייטונג פאר דעם איבנדערמאנטן שול=בראבלעם ווען מיר וועלן נעמען אין באטראכט, אז אט אין דער אינסטיטוציע ווי א יידישער פארשטייער האט ביז איצט קיין דריסת=הרגל נישט געהאט, — אז אט אין דעם שול=ראט האבן מיר היינט זיצן צוויי יידישע פארשטייער (ראטמ. ד״ר מעלדריסטא און האמבירגער). וועגן די פאלגן פון דעם פאקט קאן זיך יעדער אליין מאכן א קלארן באגריף.

איך וויל נאר דא באטאנען, אלס איליסטראציע צו מיינע אויספירונגען אין פריערדיקן ארטיקל, אז דאס דערגרייכן אזא פאזיציע אין דער שטאטישער שול=פארוואלטונג איז נישט געוועזן פון די לייכטע אויפגאבן פון דער „קאלא“.

א חוץ דעם זיינען די יידישע ראטמענער פארטרעטן אין אלע וויכטיקסטע אפטיילונגען פון דער שטאטישער ווירטשאפט. אויף וויפיל דאס ב״ע.גט נישט קיין באדייטנדע ניצן, — שאדן ברענגט עס זיכער נישט...

אין אונצעליקע פאלן אינטערוועניר די יידישע ראטמענער אין מאגיסטראט, דאס רוב מיט דערפאלג.

א חוץ די געוויינלעכע סובסידיעס, זיינען אין היי=יאריקן בידזשעט ציגעקומען א ריי פרישע ווי, למשל, פאר דעם ספארט=פאריין „מכבי“, פאר „מלביש ערומים“ א. א.

דער איפן פון צוישניידן דעם פראצענט=סכום אין בידזשעט פאר די יידישע אינסטיטוציעס — איז א באזונדער ארטיקל פאר זיך.

א. אייזנשלאס.

## ר׳ אבא און זיין ווייב חנה.

(א אלטע פאלקס=לעגענדע).

ערגיין אין א לאנד האט געוווינט זער א פרימער און גאטספארכטיקער ייד מיטן נאמען ר׳ אבא.

איינמאל איז ר׳ אבא אוועק אין א הייל הינטער דער שטאט און אנגעהויבן גאט בעטן פארן גליק און וויל פונם גאנצן לאנד.

דאס גאנצע לאנד איז דאך דיין! — האט ער געבעטן — אלע מענשן זיינען דאך דיינע! די זון, די לבנה, די שטערן דער הימל, די גאנצע ערד — אלין, אלין איז דאך דיין! טא פארוואס זאל עס איינעם גיין אזוי גוט און דעם צווייטן שלעכט? פארוואס זאל איינער האבן אזוי פיל זון, אזוי פיל גליקליכע שטערן און דער צווייטער גארנישט?... פארוואס זאל איינער לעבן אזוי רוהיג און צופרידן און דער צווייטער, אזוי פינסטער און ביטער?!...

טעג און וואכן האט ר׳ אבא אזוי געבעטן און איז נישט ארויס פון זיין הייל ביז איינמאל האט ער דערהערט גאטס שטים:

איך וועל דיר צוליב טוען, אבא מיין זון! איך וועל טוען ווי דיין רצון איז, אז אלע מענשן זאלן גלייך זיין, איך זאג דיר אבער, אז דו וועסט שפעטער חרטה האבן!

— ווי קאן איך חרטה האבן? — האט ר׳ אבא געענטפערט, — ווען אלע מענשן וועלן זיין גלייך, ווען עס וועט נישט זיין קיין ארים און רייך, זאטע און הונגעריקע? איך וועל זיכער קיין חרטה נישט האבן און דו אלמעכטיקער באשעפער, וועסט אויך קיין חרטה נישט האבן, וואס דו האסט געפאלגט

הערמאַן אַלינער
האנדלס ראט.

# אקטועלע קליינהענדלער=פּראָבלעמען.

## II.

סשטעלט זיך א פראגע: וואס פאר=א ראָלע אַלזא שפּילן די יידישע קליינהענדלער=פאַרשטייער אין דער האנדלס=קאַמער? . . .

קודם כל דארף מען אייפּמערקזאם מאכן, אז אויף 72 פאַרשטייער פון דער אינדוסטרי, בארג=אינדוסטרי און האנדל, איז דאס קליינהענדלערטום פארטרעטן סך=הכל מיט 4 ראט=מענער, און דער צאָל 3 יידן און 1 קריסט. וואס פארא ראָלע אלזא, און באדייטונג האבן די=א 4 פאַרשטייער לגבי 68 לייבן?

ווי איך האָב שוין אנגעוויזן האָבן די קליינהענדלער=פאַרשטייער — ניט האבנדיק לעת=עתה קיין פאָדערונגען בנוגע עקספּאָרט אָדער אימפּאָרט פון סחורות — זייער גאנ=צע אויפמערקזאמקייט און ענערגיע געלענקט אויף דער פאַר=לייכטערונג פון שטייער=לאסט און דער לינדערונג פון דער קלאָגעדיקער עקאָנאָמישער לאגע פון קליינהאַנדל, אינטערווע=נירן כסדר אין דער האנדלס=קאַמער כבדי דער קליינסוחר זאָל זיין רעפּרעזענטירט אומעטום ווי סאיז נאָר דאָ א נייטווענדי=קייט.

אויסער דעם האָבן די קליינהענדלער=פאַרשטייער — אין דער טובה פון אלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין אינזער געגנט — אריינגעטראָגן אַ מעמאָריאל, אז סזאָל גע=שאפן ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביי דער האנדלס=קאַמער, וועלכע זאָל ספעציעל זיך פאַרנעמען מיט אלע די פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דעם קליינעם האנדל און בפרט איז עס נאָך מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, וואָס היות די רעגירונג נעמט אין בעטראכט די ווירטשאפטלעכע לאגע פון דער אינ=דוסטרי, אינגערירנדיק אין סאגירנדיק אלער=ארט טרעסטן און קאָנווענצן, דארף זי זיך אויך פאראינטערעסירן מיט דעם טרויעריקן עקאָנאָמישן גורל פון קליינהענדלערטום און צוגלייך מיט דער געזונט=מאַכונג פון דער געשאפענער לאגע אין דער היינט, טוען אויך דאס זעלבע פון אונטן.

אינזערע פאַרשטייער האָבן אויך אריינגעטראָגן א מע=מאָריאל וועגן פאַריינהייטלעכן די שעהן פון עפענען די גע=שעפטן גראַד אזוי ווי דאָס איז איינגעפירט אין אויבערשלעזיען און דער עיקר האנדלט זיך דאָ וועגן אָפן האלטן די געשעפטן פאַר ניי יאָר און די קריסטלעכע הגאות אין משך פון פיר וואָכן (יעדן זונטיק).

נאכהער האָבן די קליינהענדלער=פאַרשטייער א=ריינגע=טראָגן א מעמאָריאל וועגן ענדערן דעם פּראָצענט=פוס (סטאָפּא פּראָצענטאָווא) פון פאַרדניסט ביים אָפּשאצן דעם הכנסה=שטייער. אגב דארף באטאָנט ווערן, אז דער היינטיקער פּראָ-צענט=פוס, ווערט שוין אנגעווענדעט קארגע 5 יאָר (פון 1924).

נאטירליך זיינען אלע די גערעכטע פאָדערונגען אין דער האנדלס=קאַמער אָפּהענגיק פון הסד און שטימונג פון די „גרויסע”, יעדאָך באנוגענען זיך נישט די קליינהענדלער=פאַר-שטייער מיט ארויסטרעטונגען אויף די פלענארע זיצונגען אָדער אין די קאָמיסיעס, נאָר אינטערווענירן אויך אין די באזונדערע רעפּעראטן פון דער האנדלס=קאַמער.

די פאַרשטייער פון קליינסוחרטום האָבן אריינגעטראָגן אנטשפּרעכנדע בקשות וועגן שטרייכן פאַרלעגענע שטייערן, ביילייגנדיק א נאָמענטלעכע רשימה פון די געפאלענע שטייער=צאָלער, פון וועמען סאיז שוין פשוט נישטאָ, וואָס צוצונעמען...

אזוי מער=ווייניק שטעלט זיך פאָר דער טעטיקייטס=פּלאַן פון די קליינהענדלער=רעפּרעזענטאנטן אין דער סאָסנאָווצער האנדלס=קאַמער, וועלכע קענען אין איצטיקן מאָמענט נישט אריינדרינגען אין ברייטערן קרייז פון ווירטשאפטלעכן לעבן, היות סאיז דאָ אונגעהויער פיל ארבעט בייהעם לינדערן — לויט די מעגלעכקייטן טאָג=טעגלעך דעם שווערן גורל פון זייע=רע וועלער. די ארבעט איז דערמיט נאָך מער באשווערט, וואָס סאיז נייטס דאָ דער געהעריקער קאָנטאַקט מיטן סוחרטום פון דער גאנצער וואָיעוואָדזטוואָ (קעלצער), וועלכע איז פּיטשטענדיק גלייכגילטיק געוואָרן צום גאנצן פּראָבלעם פון ווירטשאפטלעכן לעבן, האָבנדיק פאַר זייערע אייגן שוואַרצע הארעסקאפן און א מאָדנע אינזיכערקייט וועגן זייער נאָנטסער צוקונפט.

---

דיין קנעכט אבא און אָפּגעשאפט די יסורים און ליידן פון א טייל פון דיינע מענטשן=קינדער?...

— גיי אין שטאָט! — האט גאט באפוילן.

ר' אבא איז אוועק אין שטאָט.

צומארגנס, ווען די איינוווינער פון די שטאָט האבן זיך אויפגעכאפט, האבן זיי פלוצלינג דערזען, אז אלע זיינען זיי גלייך רייך. יעדער האט אין א גלייכע צאָל אקסן, קעלבער, קי, פערד, וויין קארן, ווייץ, מיט איין ווארט אלין, אלין האבן זיי גלייך... קיינער דארף נישט ביים צווייטן עפּעס בעטן. פּויע=רן האבן נישט געאקערט, בעקערס האבן נישט געבאקן, שפּי=נערס נישט געשפּינען קיין שום בעלי מלאכה האט נישט גע=ארבעט, אלעמען איז געווען גוט, אלע זענען געווען גליקליך און צופרידן.

אבער קיים איז די זון עטלעכע מאל אויף און אונטער=געגאנגען, האבן די איינוווינער פון לאנד דערפילט א זער שטארקע פוסטקייט אין אין ארום זיך. זיי האבן גאנצע טעג און נעכט נאָר געהאלטן אין איין עסן און טרינקן, זיך ארייג=געלאזט אין די ווילדעסטע תאוות, געהאלטן זיך אין איין ארומקריגן איינער מיטן צווייטן. מהאט צוגענומען יענעמס פארמעגן, דאס גאנצע האב-און-גוטס, אפילו אויך דאס ווייב — אייב זי איז נאר געווען גענוג יינג און שיין.

און אזוי האט גארנישט לאנג געדויערט. און עס זענען געוואָרן עשירים, וואָס זיינען איצט דריי און פיר מאל רייכער געווען ווי פריער, מען האט אויפגעהערט בעטן צו גאט, בכלל מען האט פאר גאט קיין מורא נישט געהאט. קיין שום גע=זעץ איז נישט אפּגעהיט געוואָרן, קיין זאך איז מער נישט הייליק געווען דאס גאנצע לאנד איז ממש, ווי איבערגעקערט. גע ווארן! חיה, בהמה, פערד און מענש זיינען געוואָרן גלייך..

# נאך די שטאט=ראט=וואלן אין קאטאוויץ

## דער גרויסער נצחון פון דער פאראייניקטער יידישער ליסטע.

צום ערשטן מאל איז קאטאוויין באקלעבט געווארן מיט א ריזיקע צאל פלאקאטן אין דער יידישער שפראך. דאס וואס דער יידישער וואל=קאמיטעט האט פריער דורכגעלאזט, האט ער זיך באמיט אין די לעצטע פאר טאג צו דערגענצן און רעקאמפענסירן.

שבת=צו=נאכטס דעם לעצטן אוונט פאר די וואלן איז אין גרעסטן קאטאוויצער זאל „סאלא פאווסטאנצווו" (פריער „רייכסהאלע") פארגעקומען א גרויסער מאסן=מיטינג גערופן פון דער ליסטע נ. 16 (פאראייניגטע יידישע ליסטע). צום מיטינג זיינען נעקומען העכער 1000 מאן און צו דער באשטימטער שעה עפנט דער הויפט=וואל=קאמיסאר פון דער יידישער ליסטע ד"ר טאננער די פארזאמלונג.

דאס ערשטע ווארט צו א פראגראם=רעדע האלט דער שפיצן=קאנדידאט ה' אלפרעד מיללער, וועלכער צייכנט אן די ריכטליניען פון דעם יידישן טעטיקייטס=פלאן אין שטאט=ראט. עס רעדן דאן א רייע רעדנער ווי: ה' אינזשיניער זשמיגראד, ה' ליאן, רעדאקטאר פון „זאגלעמביער לעבן" ה' א. גאנצווייך (סאסנאוויץ) און אנדערע, וועלכע רופן די פארזאמלטע נישט צו פארנאכלעסיקן זייערע יידישע און בירגערלעכע פליכטן און גיין ווי איין מענש צו דער וואל=אורנע און שטימען נאר פאר דער איינציקער יידישער ליסטע נר. 16.

אין דעם זין איז אנגענומען געווארן אנ'איינשטימיקע רעזאלוציע און אין א מונטערער און אפטימיסטישער שטימונג איז זיך דער גרויסער יידישער עולם פאנאנדערגעגאנגען.

די גאנצע יידישע יוגנט האט זיך געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון אונזער וואל=קאמיטעט און שבת ביז שפעט אין דער נאכט און זונטיק פון נאר באגינען פאנאנדערגעשפרייט אין דער גאנצער שטאט וואל=פראפאגאנדע און 16=טלעך.

מען דארף נישט פארגעסן, אז איבער 1000 יידישע וועלער זיינען לגמרי נישט געווען אריינגעטראגן אין די וואל=ליסטעס אדער שלעכט פארשריבן און אין רעזולטאט פארלוירן דאס שטים=רעכט.

ביי אזא לאגע, אז די יידישע ליסטע האט נאך באקומען 2 מאנדאטן — האלטן מיר עס פאר א גרויסן נצחון. די פרעקווענץ פון דער יידישער באטייליגונג איז געווען 85—90 פראצענט.

דער פארלויף פון די וואלן אין אלגעמיין איז געוועזן א רוהיקער אזוי, אז זונטיק אין סאמע מיט פון וואל=ברען האט זיך אין שטאט כמעט נישט געפילט דער וואל=פיבער.

וואס אמת זיינען אויסגעוויילט געווארן נאך 2 יידישע ראטמענער אבער נישט פון יידישע שטימען. (פון דער דייטשער דעמאקרעטישער ליסטע).

די יידישע ליסטעס אין שלעזיען האבן באקומען צוזאמען 4696 שטימען און 14 מאנדאטן.

דער ערשטער יידישער ראטמאן אין קאטאוויץ, וואס איז אויסגעוועלט געווארן פון וודישע שטימען איז

ה' א ל פ ר ע ד מ י ל ל ע ר,

וועלכער שטייט שוין עטלעכע צוואנציק יאר אין דער שפיץ פון דער נאציאנאלער יידישער באוועגונג אין קאטאוויץ, איז כסדר טעטיק אין דער יידישער קהלה, ארגאניזירט די „באנק קופיעצקי", מיטגעהאלפן זער פיל דער יידישער ספארט-באוועגונג און פארנעמט דעם אמט פון פרעזידענט אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

ה' אלפרעד מילער איז באקאנט אלס הייסער ייד און איז זער באליבט אין אלע קרייזן פון שלעזישן יידנטום.

דער צווייטער יידישער ראטמאן

א י נ ז ש י נ י ע ר ז ש מ י ג ר א ד

איז סך=הכל 16 יאר אין קאטאוויץ און אין משך פון דער צייט האט ער באוויזן צו ארגאניזירן דעם יידישן סוחרים=פאריין, פרעזעס פון ראט אין דער „באנק אודזשאלאווי", וויצע=פרעזעס פון סוחרים=פאריין, מיטגליד אין דער פארוואלטונג פון דער קראנקן=קאסע, ריכטער אין סוחרים=געריכט און פרעזעס פון אלע פאראייניקטע יידישע ספארט=ארגאניזאציעס.

הגם ביידע יידישע ראטמענער זיינען הייסע ציוניסטן, פארטיידיקן זיי יידישע אינטערעסן פון א ריין אונפארטייאישן שטאנדפינקט.

יהודה קאנגער.

---

און ר' אבא האט געזען, אז עס איז איצט נאך פיל ערגער ווי פריער, איז ער צוריק אוועק אין דער הייל, געפאלן מיטן פנים צו דער ערד און געבעטן און געוויינט:

— א גרויסער אלמעכטיקער באשעפער! איך האב חרטה! שטארק הרטה! — איך בעט דיך מאך צוריק ווי עס איז געווען.

גאט האט זיין געבעט און געוויין צוגעהערט, און ס'איז צוריקגעווארן אזוי ווי פריער...

א ווייב האט ר' אבא געהאט האט זי געהייסן די פרימע חנה. זי איז געווען אויך פונקט אזוי פרום און גאטספארכטיק ווי ער, איר מאן ר' אבע.

איינמאל, בעת חנה איז געווען ביי אירע א קרובה, וועלכע איז גראד געגאנגען צום קינד, (חנה האט קיין קינדער נישט געהאט) און געהערט די געשרייען און געוואלדעווען פון דער יולדה געזען אירע יסורים און פיין, איז זי אויך אוועק אין דערזעלבער הייל, און גענומען וויינען און בעטן: — א, דו גרויסער גאט די אלמעכטיקער באשעפער! הער צו דאס געבעט פון דיין דינסט חנה...

— וואס פארלאנגסטו חנה? האט גאט געפרעגט.

— ווי קענסטו אזוי גרויזאם זיין, אלמעכטיקער באשעפער — האט חנה געוויינט, ווי קענסטו צוזען די יסורים און פיין פון די ווייבער? פארוואס זאלן די ווייבער זיין ערגער ווי די מענער? פארוואס קומען די אלע יסורים און ליידן נאר בלויז דער מאמען? און דעם טאטן, דעם פאטער פון דעם קינד, גאר נישט? — איז וואס פארלאנגסטו? — האט גאט זי געפרעגט.

(ענדע קומט).

### לייזער שיקמאן.

אין בלינדער שויס פון נאכט-דעמער בין איך געליגן צעגלאצ-
טערהייט אין א שטומען צער
בלאנזשנדיק אינם פינסטערן חלל פון מיין איינזאמקייט און
שטיל אין הארצן — הייס געבעטן —
„א, דו שווארצער טויט! ערלייזער פון אלע פיינען. קום גע-
שווינט און טו זיך מיט מיר באהעפטן
אין יענער טיף פיינפולער רגע פון נשמה גערא נגל האבן צא-
פלנדיק אויפגעבליצט טרערן צווישן מיינע וויעס
און כ'בין געפאנגען געווארן אין א טיפן קאשמאר...

— — — — — — — — — — — — — —

באפליגלט ווי א מלאך, כ'שוועב און שוועב איבער צו פוסטע
ר'ימען אזוי לייכט, אזוי מונטער
פארהילט אין א ווייס שמעקנדיקן וואלקן גיי איך אויף ווי א
זון און ס'ווערן אנטקעגן מיר נאענט די געבענשטע תכלת-הימלען...
קליינע ווייסע מלאכימלעך מיט לאנגע דינע פליטן אין זייערע
הייליקע מיילעכלעך, שוועבן איבער מיין קאפ און צעשאלן א
זיס-בענקנדיקן ניגון — — —

* *
*

פון גוטסקייט אזש ס'צפענען זיך מיינע קוואלן און א טרערן-
רעגן צעכליפעט זיך אן א מאס און אן א שיעור
פון א וואלקן-שפאלט האט זיך ענטפלעקט א מעכטיק און
אינגאנצן בעשטראלט געשפענסט, האלטנדיק א גאלדענעם
ריזן-בעכער
ס'האט א הילך געטון א מורא'דיקע און רחמנותדיקע שטים און
איך בין פארנליווערט געווארן —
נאך יאמער, נאך בעט... — ס'איז ווייט נאך דעם כוס צו
דערפולן...
די הימלישע פלייטן-קאפעלע האט א שפיל געטון און מיינע
פליגלען זענען נישט געווארן — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער ערוואכונג האבן כהרף עין א שימער געטון אין דער
באגינענדיקער דעמערונג און באלד פארווישט געווארן
צוויי אונגעהויער גרויסע פלאמנדיקע ווערטער:

א ל י ה ו  ה נ ב י א...

---

# א קול-קורא

ארונטערגעציגן פון א בית-מדרש-וואנט אין א קליין שטעטל נעבן סאסנאָוויין
און איבערגעגעבן צום דרוק דורך

## י ר ח מ י א ל.

יידן זייט נישט קיין מערדער! יידן כאפט אריין! לאזט שטיין אייערע ביזנעס, אייערע ווייבער און קינדער און קומט קויפן בילעטן איר האט נאך אין אייער לעבן נישט געהערט אזא חזן! שטעלט אייך פאר ער הייסט ישכר טערעליקע!! אהא זעט איר וועגן זיין שטימע איז זייער שווער צו שרייבן מאנכעס מאל שרייט ער ווי א לייב און מאנכעס מאל קען ער דאס מויל נישט עפענען...

זער אפט כאפט ער א צוג... א מאל אין א געוועגליכן אין א מאל אין א שנעל-ציג... א שנעל ציג כאפט ער ווען ער אנטלויפט פון ווייב אבער ווען ער כאפט נישט קיין ציג איז ער „אל-רייט"! דאמאלט ליגט עפעס ביי אים אין האלז אין מ'ווייסט נישט וואס א ביין, א, ער אן אנדער ארטיקל און עס פייפט שטארק... די גרעסטע מבינים ווייסן דאמאלט נישט וואס א שטיינער ס'איז: טענאר נישט! באריטאן נישט! באס אייך נישט סאפראן אוודאי נישט און גלאט אזוי א שטימע אייך נישט... נאר איין זאך איז זיכער אז ער האט געקענט היינטיקן טאג זיין אייף קארוזאס ארט... אבער ווען ער דארף נעמען א לאנגן טאן קען ער נישט הייבט ער אן הוסטן... אט אזא חזן איז אונזער ישכר טערעליקע — די קריטיקער צווישן וועלכע עס געפינען זיך די בעסטע בעלי מלאכות פון דער נאדל קען זיך גאר נישט אפלויבן פון אים א ביגלער דערציילט, אז ער האט מיט עטלעכע טעג צוריק געשפילט מיטן חזן א זעקס אין זעכציק און געווינען ביי אים 50 זלא-טיס.. דער „פיפערנאטער", א צייטונג פון קנאפע זעכציק לע-זער, שרייבט אז זייט אמעריקא געפינט זיך אויף יענער זייט ים און אייראפא אויף דער זייט... איז נאך אזא חזן ווי ישכר טערעליקע נישט געווען און צו די אלע מעלות האט ער שוין זעקסטע ווייב און א מאסע קינדער צווישן וועלכע עס געפי-נען זיך שווארצע, ברוינע, רויטע און בלויע אט דאס אלעס גאראנטירט אייך אן עונג יום-טוב — — — — — — —
אלזא יידן ברענגט געלט און קויפט בילעטן.

---

# כ'האב זיך אויסגעבעטן.

גע'ווינשן האב איך זיך אלס קינד
צו זיין א מענש א גרויסער
געבעטן אז בעשערן זאל מיר גאט
צו זיין אן עושר.
קיין גוזמה האב איך נישט פארלאנגט
א הונדערט טויזנט רובעלאך
ביים בורא עולם דארף דאס זיין
פון גאר די קליינע זאכעלאך.
ערשט איצטער איז מיין ווונש ערפילט
כ'האב הונדערט טויזנט קערבעלאך
וואס ליגן איצטער אין מיין שעניק
ווערטלאז פונקט ווי שערבעלאך.

בן-זאב.

אפרים קליינמאן.

# די בילדער־אויסשטעלונג פון משה אפפעלבוים אין קאטאוויץ.

(ענדע).

מיר גייען צו צו א צווייט בילד —
„די עצה".

א חוץ דעם נאמען האט עס אבסאלוט נישט קיין ער־ליכקייט מיט שלום עליכם'ס הומאריסטישער פערל. א פערל איז עס דאך אבער אין אן אנדערן זין.

דער ייד מיט די „ע צ ה" איז אזוי כאראקטעריס־טיש מיט זיין זעלבסט־זיכערקייט פונקט ווי עס איז כאראקטע־ריסטיש זיין צוהערער מיטן תמעוואטן, אומבאהאלטענעם פנים. אויך איז די הינטערגרונד־גרופע וואס איינער פרווט אונטערצושטעלן אן אייער, זער טיפיש.

דער פארשלאפענער ייד פון „שחרית" וואס איז זיך מקדים לעבודת הבורא. זיין אשת־חייל וואס קוקט ווי מיט קנאה אויף איר מאן וואס האט מער די מעגלעכקייט צו די־נען דעם בורא ווי צו אן ארימע אשה. בכלל די אלט יידישע שטוב, אפילו די ארימע קאץ ביים אויוון ווייט מיט אזא וואַ־רעמע היימישקייט.

די „הויף־מוזיקאנטן" איז א פראכטפולע קאנצאזיציע. די איבערשפיצטע, תמעוואטע פנימער, זענען אזוי עכט. עס שלאגט פון זיי מיט אזא ווילעריש־האפלונגסלאזע דלותדיקייט אז אינסטינקטיוו כאפט מען זיך צו דער טאש...

צו די געלונגענסטע טיפן געהערט אן ספק „דער בדחן" און „ביינישל" איך דערמאן זיי צוזאם ווייל ביידע זענען זיי אזוי טיפיש. דער בדחן מיט זיין עכטן, פאלקס־טימליכן הומאר וואס ליגט אויסגעגאסן אויף זיין אפגעמא־גערט בע'שמחה'ט פנים, און „ביינישל" דער שטעטלשער משיגענער מיט זיין זארגלאזן יידישן שמייכל וואס דערציילט פון אויסגעזארגטע זארגן...



מ. אפפעלבוים — דער פעדאנט.

גוט ביז צום שוידערן איז „קדוש השם". עס זעט אויס ווי אויסגעשניטן אויס חברון אדער צפת. דאס טויט־שרעק־צעקרימטע מיט אפענע וואונדן און בלוט־בעגאסענע פנים פונם איינפאכן יידן וואס האט איינגעשטעלט דאס אייגענע לעבן כדי צו ראטעווען יריעות פון געשענדעטע ספר־תורות פונם פאגראם ווערט דערגענצט דורך דעם סימבאלישן אי־ביקן, פעלזן־פעסטן יידן אין וועמענס פנים און אויגן מען קען לעזן די גאנצע צוויי טויזנט יעריקע גלות־טראגעדיע פונם יידישן פאלק.

איך גלויב אז איך האב שוין איינגעמאטערט דעם לע־זער אבער איך בין אייך מבטיח אז עס איז ערשט א מיני־מום שבמינימום וואס מען דארף שרייבן. כמעט יעדעס בילד בעט זיך ממש: „נעם און באשרייב מיך"! איך האב מיך בלויז אפגעשטעלט אויף עטליכע ספעציפיש יידישע בילדער וואס ריידן אממייסטן צום יידישן בעזוכער אין עס זענען דאך דא 111 שטיק!

מוז איך עס שוין מאכן בקיצור:
די בילדער זענען גלענצענד.
די פייזאזשן — אויסגעצייכנט.
די צייכנונגען זער גוט.

מען מוז עס אונבאדינגט אליין זען בכדי זיך צו קענען מאכן א באגריף ווי און וואס דער קינסטלער משה אפפעלבוים האט אין די לעצטע צייט געלייסטעט.

קאטאוויץ, 8־טן דעצעמבער 1929.



מ. אפפעלבוים — נאכן באדן.

א. ווייך.

# מענדעלע ווערט א „רויטער"

(פון דער סעריע „ראדיא-שפריצן")

„אז גאט וויל שטראפן א מענשן, נעמט ער אים קודם-כל צו דעם שכל" — אזוי זאגט שרה-טעמעס און ווישט אויס א ווארימע טרער, וואס קויקלט זיך איבער איר געפאל-דעוועטן אלטן פנים. „דער טאטע זיינער, א ליכטיקן גן-עדן זאל ער האבן, האט באדארפט אויפשטיין אין זען וואס פון זיין קדיש איז געווארן. ער וואלט כלעבן, נאך א מאל גע-דארפט פון דער וועלט גיין פאר צער און בושה. אויפגעהא-דעוועט א יינג און, לא עלינו, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, ער זאל אלץ טון פארקערט און וועלן זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט. סזאגט זיך לייכט: אויפהאדעווען. וויפיל פראצע, וויפיל בלוט האט עס אפגעקאסט, פאקן און מאזלען, געשווילעכצן און סתם חולאתן ביז מהאט שוין דערלעבט צו זען פון אים א שטיקל מענש און ער — מיין מעני, — ווי גארנישט אים מיינט מען עס. סקומט אים, נאך א רעשט צו צאלן, קומט אים. און אין אלעם זיינען שולדיק די פינצ-טערע פארטייצן מיט די חברים, אז נישט געדאכט זאלן זיי ווערן, רבונו של עולם אין הימל...

נו, איז עס שוין געהערט געווארן, אז א יינג ווי א דעמב זאל זיך ארומטראגן מיט א קאפ-הוילע חלומות און נישט ווען הארעווען ווי אלע יידן, ווי זיין טאטע, א ליכ-טיקן גן-עדן זאל ער האבן, זיין זיידע און איך הארעווע שווער און ביטער אויפן שטיקל ברויט!

אז א מענש זאל אלץ טון פארקערט: אין קאווע שניידט ער אריין א האלבע לימענע, חלה עסט ער נאר מיט זאדע-וואסער און שונאים זאגן, אז — קעלבאס האט ער אויך קיין מורא נישט צו פארזוכן...

אנטקייגן וואס זאג איך עס, מיינט איר? הערט אקארשט און זאגט צו דאס איז מעשה מענש צי נישט.

אנומלט אין א מיטוואך איז עס געווען א טאג פאר יארצייט נאך מיין שכנא'ן, מאך איך צונ'אים: „מעני, וועסט גיין אין בית-מדרש קדיש זאגן". זאגט ער: „מאמע, כ'על נישט גיין, מדארף נישט זאגן קיין קדיש"... קוק איך דאך אים אן ווי א ביז ווונדער: „סטייטש סט'נישט זאגן קיין קדיש?" מאכט ער: „מאמע, כ'בין געווארן א רויטער, בין איך גע-ווארן". זאג איך: „מזל-טוב" דיר, שרה-טעמעס! ביז א-צט האסטו געהאט א שווארצן מענדל, איצט איז ער, שונאי ציון, געווארן א רויטער... געהערט א ביטל אן אנשיקעניש! אבער וואס? האט עס צים קדיש-זאגן. וואס?" שטעלט ער זיך אוועק מעשה פריץ און פארציט ס'נעזל: „א רויטער לאכט פון אזעל-כע זאכענעס".

מילא, וואס זאל איך אייך א סך ברייען, אז אך און ווי צו מיינע יאר, קיין קדיש האט ער שוין נישט געזאגט, דער תכשיט מיינער. מיינט איר דאך, אז שוין — א רויטער און פארטיג. טא הערט מיין בראך — הערט: פאר דריי וואכן אין א מיטוואך איז דאס געווען קומט ער אהיים דער „רוי-טער" מיינער מיט 2 חברים זיינע, עפעס דארט יינגען לאכו-דראקעס, איילט זיך, טומלט זיך און האלט אין איין קריגן זיך מיך זיי און רעדן עפעס אזא לשון, וואס מיינע אבות אבותינו האבן דאס נישט פארשטאנען. עפעס איז עס יא גע-ווען יידיש אין עפיס איז עס נישט געווען יידיש.

מאך איך צונ'אים: „מענדעלי, ס'ט'עפעס עסן?" — אז מיין בחור גיט זיך א שטעל אוועק, מעסט מיך אן פון קאפ ביז פיס, גיט א קלאפ אין טיש אריין און א שריי אויס:

„מאמע, פילסודזקי טאר נישט זיין קייזשער! הערסט, מאמע! פילסודזקי טאר נישט זיין און וועטנישט זיין קיי-זשער". — קוק איך דאך אים אן: „סטייטש, מענדעלי, וואס איז עס דיר א נפקא מינה צי ער איז יא קייזער צי נישט: און ווער פרעגט דאס דען דיך א דעה, ווער? לאכט ער: „אז איך זאג נישט, איז נישט! נישט פילסודזקי וועט זיין קייזשער, נישט באקסע וועט זיין סטא-אסטע און נישט דער שטייפער הענשל וועט זיין קאמענדאנט. איך מעני, וויל אזוי און מיינע חברים אייך"... וויל איך אים איינגעמען מיט גוטן, מילא, אז גאט וויל שטראפן א מענשן איז דאך נישט שייך. מאך איך: „מענישי, מענישיצקו ווארט-צו ביז מארגן. עס אפ, גיי שלאפן"... לאזט ער מיך מער נישט רעדן און קלאפט אין טיש אריין:

— ניין, מאמע! שוין די מינוט מוז פילסודזקי ווערן אויס קייזשער, הערסט שוין! נישטא קיין קייזשער און פאר-טיק!" שריי איך: „גוואלט, גזלן! וואס ווילסטו פון קייזער? וואס האט דיר געטון פאר א שלעכטס. וואס? עס אפ און גיי שלאפן און די חכרים דיינע קענען אויך שוין אהיים גיין".

נו, נו, האט איר דאס געדארפט זען ווי די חברה האט זיך א נעם געטון צו מיר. אז איין לעבעדיקער גאט אין הימל ווייס ווי אזוי איך בין עפעס ניצול געווארן פון זייערע געשרייען מיט די דייטשמערישע רעדעכצן.

מילא, וואס זאל איך אייך דא אנקלאפן א קאפ? איר ווילט דאך אודאי ויסן וואס סאיז געווארן? אז אך און ווי איז צו מיר, א קללה פון הימל, נישט אנדערש. פילסודזקי איז ווייטער קייזער (ווי דען? מיין מענדלען וועט מען פרעגן דעות!). באקסע איז ווייטער סטאראסטע, הענשל איז ווייטער קאמיסאר און מיין מעני, — — — — — — — —
זאל אים דער גוטער יאר בעסער וויסן אין וואס פאר א תפיסות ער פוילט היינט.

אך, שרה-טעמעס, שרה-טעמעס! שיין נחת זיך דערוואַרט אויף די עלטער!

נישט גענוג וואס מע הארעוועט ווי א פערד — ווער קויפט דאס היינט זעמעלעך. ווער? סיידן פאר א קראנקן, — האסטו נאך אויף א צולאג אזא בייז אנשיקעניש. אז גאט וויל שטראפן א מענשן...

— — — — — — — — — — — — —

נע, נע, דאנקן גאס, שוין פארטיק. עפעס זשאלעוועט איר היינט דעם איווון. כאטש גוט אויסגעבאקן די זעמעלעך...

# כ ר א נ י ק.

## דער פראטעסט=מיטינג געגן דעפ. גרינבוים.

דעם לעצטן זונטיק איז אין זאל פון „האטעל פאלסקי“ פארגעקומען א פראטעסט=מיטינג, איינגעארדנט דורך דער „צעירי אמוני ישראל“ אין סאסנאוויץ אין צוזאמענהאנג מיטן ארויסטריט פון דעפ. גרינבוים אין סיים געגן דער ארטאדאקסיע.

הגם סאיז געווען א געגוג שטארקע קאנטראל ביים אריינגאנג, האבן דאך אין זאל זיך אריינבאקומען א באדייטנדע צאל ציוניסטן, וועלכע האבן מיט שארפע און אפטע צווישנרופן געבראנגט דערצו, אז דער מיטינג איז אויפגעלעזט געווארן און אונטער די קלאנגען פון „התקוה“ און געשלענגערייען איז זיך דער עולם פאנאנדערגעגאנגען.

## באראכאוו = אקאדעמיע.

פארגאנגענעם שבת איז אין לאקאל קאלאנטאיא 6 פארגעקומען א באראכאוו=אקאדעמיע. די אקאדעמיע עפנט מיט א קורצער רעדע איבער באראכאוון ה׳ אסטרי דאן גיט ער דאסווארט דעם ה׳ נ. בוקסבוים פ"צ ראטמאן פון ווארשע, וועלכער טוט אין א הערלעכן רעפעראט באלויכטן דאס לעבן און שאפן פון בער באראכאוו. די אקאדעמיע איז געוועזן גוט באזוכט א סך מענשן האבן געמוזט אוועקגיין צוליב מאנגל אין פלאץ.

אונטער די קלאנגען פון דער פ"צ שבועה און אנדער ארבעטער=לידער ווערט די אקאדעמיע דורך ה׳ אסטרי געשלאסן.

## פון דער קיעלצער האנטווערקער=קאמער.

פין דער בענדינער סטאראסטווא, מעלדעט מען אונז:

די האנטווערקער=קאמער פאר דער קיעלצער וואיעוואדזטווא, וועלכע האט ד׳ 3=טן פאריקן חודש זיך קאנסטיטואירט, האט געעפנט אירע ביוראען אין קיעלץ אויף דער ווספולנא גאס, נר. 4, טעל. 114.

## די רעפעראטן פון דיכטער יחיאל היילפערין אין זאגלעמביע.

אין משך פון זיין 2 וואכנדיקן באזוך אין זאגלעמביע האט דער באוווסטער דיכטער יחיאל היילפערן געהאלטן א רייע עפנטליכע פארלעזונגען אין גאנץ זאגלעמביע.

איבעראל זיינען די רעפעראטן אויסגעהערט געווארן מיט גרויס אינטערעס און ביי א צאלרייכן פובליקום.

ה׳ יחיאל היילפערן באזיצט דעם געבענשטן רעדנער=טאלאנט און שילדערונגס=פעיקייט. ער רעדט נישט פובליציסטיש און באנוצט נישט דעם וואלגארן=מיטינג=לשון. ה׳ היילפערן רעדט אזוי צו זאגן, בעלעטריסטיש און דאס=א האלט דעם עולם אין א געשפאנטער שטימונג בעת דעם ריידן.

דער ה׳ היילפערן האט דא אנגעפירט מיט דער קרן=קימת=אקציע. צו זיין אפפארן איז געבטן פארגעקומען א פייער-

לעבער אפשידס=באנקעט לכבוד דעם חשובן גאסט אין די זאלן פון ה׳ פריד (טארגאווא 17).

— צוליב א טעכנישע סבה איז דער המשך פון אינטערוויו מיטן דיכטער היילפערן נישט אריין אין היינטיקן נומער.

## א סאניטארע קאמיסיע

האט דעם לעצטן דינסטיק פלוצלינג לוסטרירט עטלעכע געשעפטן. אין אייניקע פאלן האט די קאמיסיע איבערגעלאזט א קורצן טערמין צו דערגענצן פארשידענע אונפינקטליכקייטן פון סאניטארן אדער טעכנישן כאראקטער, און די איבעריקע האנדלס=אונטערנעמונגען איז דער צישטאנד געוועזן א באפרידנדיקער.

## פון דראמאטישן קרייז.

דער דראמאטישער קרייז ביי דער געזעלשאפט אוונט=קורסן פאר ארבעטער אין סאסנאוויץ האט פארגאנגענעם פרייטיק אוונט אין איינענעם לאקאל געהאט א אוונט פאר קליינקונסט. נישט קוקנדיק וואס די פארשטעלונגען ווערן נישט אפישירט איז דאך שטענדיק דער זאל איבערפולט און נישט אין יידיש טעאטער וואלט זיך געווינשן א רויקייט. בכלל באציט זיך דער ברייטער עולם סימפאטיש צו די פארשטעלונגען.

סאיז צו האפן אז דער קרייז וועט האבן אריכת=ימים און וועט זיך פארפאלקאמען אין זיין ארבעט.

## אן אנטי=טובערקולאזע אויסשטעלונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטיטובערקולאז-אקציע אין סאסנאוויץ איז נעכטן דאנערשטיק, 11 פארמיטאג אין לאקאל פון דער פאוושעכנער שול נר. 4 (גאוואקאשטשעלנאגאס) פארגעקומען די דערעפנונג פון דער אנטי=טובערקולאזער אויסשטעלונג, איינגעארדנט דורך דער קראנקן=קאסע מיט דער הילף פון היגן אנטי=טובערקולאז=קאמיטעט.

די גרויסע צאל עקספאנאטן זיינען זער אינטערעסאנט. די אויסשטעלונג, וועלכע וועט דויערן ביזן 5=טן יאנואר 1930 דארף מאסנווייז באזוכט ווערן.

## געעפנט אוונט=קורסן פאר האנטווערקער.

ביים סאסנאוועצער יידישן האנטווערקער=פאריין זיינען געעפנט געווארן „אוונט-קורסן“ אויף וועלכע ס׳וועט געלערנט ווערן דורך ערשטקלאסיקע פעדאגאגן יידיש, פויליש און רעכענען.

איינשרייבונגען נעמט אן דער סעקרעטאריאט פון פאריין (טארגאווא 9).

## באגאנגען זעלבסטמארד אין וואגן.

אויפן וועג פון קאטאוויץ קיין ווארשע איז אין וואגאן באגאנגען זעלבסטמארד דער קאטאוויצער סוחר ווינצענטי מיללער. די סבה — מאטעריעלע דאגות.

# גנבות.

— פון קאסמעטישן מאגאזין פון ה' משה פיעקארסקין סאסנאוויין (מאדרזשעיאווסקא 39), איז ארויסגעגנבעט געווארן א פלאש קעלניש וואסער אין דער ווערט פון 90 זל.

— ביי מלך אלבער אין מאנדזשעוו האבן אומבאַקאַנטע גנבים ארויסגעגנבעט פון דער פאדער־שטיב א ראווער אין דער ווערט פון 120 זל.

— ביי אהרן שפרינגער אין סאסנאוויין (שקלארנע 1) איז פון א וואגן אראפגעגנבעט געווארן א קעסטל שמאלץ אין דער ווערט פון 82 זל.

# קאסע־ברעכער געקומען אויף א וויזיט קיין בענדין.

א גרויסע סענסאציע האט ארויסגערופן אין בענדין היינטיקע וואך דער פאקט, וואס זער געשיקטע קאסע־ברעכער האבן אנגעשטעקט א וויזיט ביים בענדינער רעיענט טעאדאר שרעטער, (מאנדזשעיאווער 44) איבערגעבראכן די אייזערנע קאסע און ארויסגעגנבעט 5293 זל. באר געלט און געלט געווארן. די וועקסלען אין דער סומע פון עטלעכע צענדליק טויזנט זל. האבן זיי נאר איבערגעלייגט פון איין קאסעטקע אין דער אנדערער.

די „מייסטערס" האבן געטראגן בעת דער „ארבעט" גומענע הענטשקעס, זיי זיינען ווארשיינלעך אראפגעקומען אויף גאסטראלן קיין זאגלעמביע פון ווארשע אדער לאדזש.

# די רעזורעס וועלן זיין געשלאסן.

אויף דער דינסטיקדיקער זיצונג פון בענדינער שטאט־ראט איז אפגעווארפן געווארן די ביטע פון די פריזירערס צו מעגן אפן־האלטן די געשעפטן דעם אנדערן טאג יום־טוב. געגן דעם האבן געשטימט אלע פוילישע קריבן, פאר — אלע יידן, אבער — צו דער פילער צאל יידישע ראטמענער האט נאך פיל געפעלט...

דעם זעלבן גורל האט געטראפן דעם וויכטיקסטן פונקט פון דער טאג־ארדנונג — די פראגע פון אויפבויען א נייע פאווישעכנע שולע פאר 50.000 זלאטעס.

צוליב דעם, וואס ביים אפשטימען דעם פארשלאג האבן געפעלט 2 שטימען צום קווארום — איז דער ענין ווידער אפגעלייגט געווארן.

# קויפט אויס פאטענטן!

די ווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס (האנטווערקער, קליינהענדלער און סוחרים) מאכן אויפמערקזאם זייערע מיטגלידער, אז דער טערמין פון אויסקויפן פאטענטן איז נישט פארלענגערט געווארן און ענדיקט זיך דעם 31־טן דעצעמבער. אלע מיטגלידער ווערן דריבער אויפגעפאדערט צו ווענדן זיך אין די סעקרעטאריאטן פון זייערע פאריינען מיטן ציל אויסצוקויפן פאטענטן אויפן יאר 1930.

# דערהרגעט א גנב.

דער שרייבער פון דער גמינע ראבשטין (ביי אלקוש) ה' אוראמאווסקי האט באמערקט ווי א גנב שארט זיך צו צו זיין שטאל. ער האט אין אים אויסגעשאסן און אוועקגעלייגט א טויטן אויפן ארט.

דער דערהרגעטער יאן קאציאן, איז א פראפעסיאנעלער גנב באוויסט אויפן זאגלעמביער באדן.

# א פארפאל אויף א מעטש.

דעם פארגאנגענעם זונטיק איז פארגעקומען אין מאנדזשעוו א פוט־באל־מעטש צווישן „שמשון" (מאנדזשעוו) מיט „09" (מיסלאוויין), בעת וועלכן דער טויער־מאן פון „שמשון" ה' מייטליס האט באקומען א געפערלעכן שטויס מיטן באל אין בויך, אז ער איז אנידערגעפאלן א באוווסטלאזער און מהאט אים געמוזט אראפטראגן א פארהלשטן פון פלאץ.

צו דער פארלאבונג פון מיין יוגנט־פריינד

**יעקב אהרן ליכטענשטיין**

מיט פרל' **רעגינא ארזשעכאווסקא,** בענדין.

ווינשט א גליקלעכע צוקונפט

**סאלאמאן געלקאפף.**

סאסנאוויץ.


Z okazji zaślubin naszego syna i brata

**Salomona Lajnwebera**

z p. **Nadzią Wysokówną**

życzy szczęścia i harmonji w pożyciu małżeńskiem

Rodzina LAJNWEBERÓW

Sosnowiec.


# קויפט, לייענט און פארשפרייט דאס „זאגלעמביער לעבן".


Ceny ogłoszeń: cała strona – zł. 120; pół strony—zł. 65; ćwierć str.-zł. 35; szestnastka str.—zł. 12,50. gratulacje począwszy od zł. 3,— drobne ogłoszenia 10 gr. za wyraz.

Redaktor odpow.: I. Piekarski. Druk. „Energja". Sosnowiec, Kołłątaja 6 Wydawca: S. Siwek.